בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת כי תצא תשפ"א** — **גליון 614 [שנה י"ג]**

**וואס איז דער אמת'ער שכר פון שילוח הקן**

שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח אֶת־הָאֵם וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים: (כב ז) שטייט אין מדרש (דברים רבה פו ו) וז"ל יש מצוה שמתן שכרה עושר – [גמ' שבת דף קי"ט ע"א מצוות מעשר, עשר בשביל שתתעשר, בבבל שמכבדין התורה, ובשאר מקומות שמכבדין את השבת, מדרש המבואר] ויש מצוה שמתן שכרה כבוד [מצות תלמוד תורה ומצות צדקה יש עושר וכבוד מדרש המבואר] ומה מתן שכרה של מצוה זו? וואס איז די שכר פון שילוח הקן? איז דער תירוץ, אויב איינער האט נישט חלילה קיין קינדער, וועט דער אויבערשטער אים געבן קינדער, אזוי ווי עס שטייט וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ ע"כ המדרש, פרעגט דער הייליגער כתב סופר (פרשת כי תצא) אויפן מדרש, אז עס שטייט דאך קלאר אין פסוק די שכר איז לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ יָמִים, אז מען וועט האבן אריכות ימים, אויב אזוי וואס פרעגט די מדרש וועלכע שכר באקומט מען פאר שילוח הקן? נאר מען קען ענטפערן לויט וואס עס שטייט אין גמ' (נדרים דף ס"ד ע"ב, עו"ז ה' ע"א) **ארבעה חשובים כמת**, פיר זענען גערעכנט ווי א מת, און איינער פון זיי איז דער וואס האט נישט קיין קינדער, ממילא א מענטש וואס האט נישט קיין קינדער איז זיין לעבן נישט קיין לעבן, דעריבער זאגט די מדרש די שכר פון שילוח הקן איז: **שאם אין לך בנים, אני נותן לך בנים**, פארוואס? ווייל עס שטייט וְאֶת הַבָּנִים תִּקַּח לָךְ, וועסטו האבן קינדער ווייל דאס הייסט אריכות ימים, ווייל דיינע יארן וועלן נישט זיין געלעבט מיט אן קינדער, ווייל קינדער מאכן אריכות ימים. (חשב סופר מפרעשבורג בן הדעת סופר)

**וואס מיינט אז א נדר איז נדבה?**

מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ: (כג כד) פרעגט די גמ' (זבחים דף ב' ע"א) אויף דעם אז עס שטייט כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ ווי אזוי שטייט גלייך נאכדעם נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ, בשעת ער האט דאך געמאכט א נדר און נישט א נדבה? נאר מען קען דאס פארענטפערן לויט וואס די גמ' (ר"ה דף ו ע"א) זאגט אז דער חילוק פון לשון נדר און לשון נדבה, ביי נדר זאגט מען הרי עָלַי, און ביי נדבה זאגט מען הרי זו, און פארוואס איז דאס אזוי? נאר א נדר מאכט א מענטש ווייל ער האט נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט מאכן א נדר, דעריבער יאגט ער זיך נישט דאס צו טאהן, דעריבער פאסט הרי עָלַי, ער לייגט ארויף אויף זיך א חיוב, אבער א נדבה מאכט א מענטש פון זיין אייגענע רצון ממילא וויל ער דאס מקיים זיין וואס שנעלער, דעריבער פאסט דעם לשון הרי זו, ער איז יעצט גרייט און גייט דאס שוין מאכן, דעריבער זאגט די הייליגע תורה כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַה' אֱלֹקֶיךָ, אפילו דו מאכסט א נדר, זאלסטו דאס האלטן אזוי ווי א נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּפִיךָ, פון דיין אייגענעם רצון, און זעה דאס גלייך צו מקיים זיין און דאס נישט אפשטופן, ממילא איז פארענטפערט די פסוק אז נדר מיינט נדבה. (מהר"ם שיק דברים)

**א ווינקל אין דאווענען: ברוך שאמר**

אין בית יוסף (או"ח סי' נ"א) ברענגט ער דעם גרויסן ענין פון זאגן **ברוך שאמר**, און אין ב"ח (סי' נ"ד) באוואונדערט ער לויט דער גרויסקייט, פארוואס שטייט עס נישט אין הלכה אז מען מוז שטיין ביי ברוך שאמר אזוי ווי ביי ישתבח, אין גמ' ווערט דאס נישט דערמאנט און דער רמב"ם הלכות תפילה (פרק ז', הלכה י"ב) זאגט **"ותקנו ברכה לפני הזמירות והיא ברוך שאמר וברכה לאחריהם והוא ישתבח"**, דער ב"י און סידור של"ה ברענגען פון אור זרוע אז עס איז געפאלן א צעטל פון הימל דעם נוסח פון ברוך שאמר פאר די אנשי כנסת הגדולה און זיי האבן מתקן געווען מען זאל זאגן די תפילה, און דער רמז אז מען זאגט **ברוך שאמר**ביים אנפאנג פסוקי דזמרה, ווייל עס שטייט (שיר השירים ה יא) **רֹאשׁוֹ כֶּתֶם פָּז**, אז אין אנפאנג דאווענען דארף מען זאגן פ"ז 87 ווערטער, וואס אין ברוך שאמר זענען דא פ"ז 87 ווערטער. אויך שטייט דרייצן מאל ברוך, וואס איז אויך א גרויסער ענין. שטייט אין סידור ר' קאפיל ווען כלל ישראל זאגן **ברוך שאמר**, **אומרים המלאכים האדרת והאמונה לחי עולמים "בשו"ה" עם ישראל**. דעמאלטס זאגן די מלאכים האדרת והאמונה, און אזוי שטייט אין רוקח, און ב'רוך ש'אמר ו'היה ה'עולם איז די ר"ת בשו"ה. אין ספר תולעת יעקב איז אויך מאריך אין דעם. און אנדערע לייגן צו אז דאס איז אויך די ר"ת פון שוב"ה, צו מרמז זיין אז א מענטש ווי ווייט ער איז, אבער ווען ער טוט תשובה ביים אנפאנג דאווענען וועט דער אויבערשטער אנעמען זיין תשובה און די תפילות. און דער ברוך שאמר איז דעריבער חשוב אז מען פירט זיך צו שטיין ביי דעם. (שמח זבולון תשפ"א)

*מדור העובדות*

*דער הייליגער ר' דוד מטאלנא זיע"א ווייזט זיין חסיד א דרך ווי אזוי מען דארף געבן צדקה*

זעליג איז געווען א חסיד פון הייליגן צדיק פון טאלנא, הרה"ק ר' דוד, זון פון הייליגן מגיד פון טשערנאביל זיע"א, ער האט געהאט א גוטע פארבינדונג מיט די רעגירונג וואס ער פלעגט אריבערפירן און שלעפן סחורות פאר זיי, און האט געהאט גאר שיין פרנסה, אין רוסלאנד האט מען געמוזט שמירן די אפיצירן און אזוי איז דאס געפארן. אזוי ווי זעליג איז שוין געווען איינגעארדענט צווישן די אפיצירן, האט ער איינמאל באקומען א גרויסע ארבעט וואס ער האט פארדינט פון דעם גאר גרויסע געלט, און ער האט נישט געשמירט די אפיצירן דארט, און איינער פון די אפיצירן איז געווארן אין כעס וועגן דעם, און צוליב דעם אריין געגעבן א פאלשע מסירה אויף זעליג פאר די רעגירונג וואס דאס האט גלייך אפגעשטעלט זיין פארבינדונג מיט טראגן סחורה, און עס האט געווארט א שווערע משפט, און ווער ווייסט וואס ער וועט באקומען רח"ל!

איז ער געפארן זיך אויס צו גיסן זיין הארץ פארן טאלנער רבי וואס האט אים געענטפערט, דער אויבערשטער שטראפט נישט פאר גארנישט, דערמאן זיך וואס פאר א עוולה האסטו געטאן און זאלסט תשובה טאן בשלימות, זאג איך דיר צו וועסט צוריק באקומען דיין ארבעט אזוי ווי פריערט! זעליג טראכט און דערמאנט זיך אז אמאל איז געקומען צו אים א ארימאן, ווען ער איז געווען פארנומען מיט א וויכטיגער שר, און מען האט אים געהייסן ווארטן, אבער ער האט נישט געהאט קיין געדולד און אנגעפאנגען שעלטן, און ווען איך האב געענדיגט מיטן שר האט ער מיר ווייטער באפאלן, האב איך אים דערלאנגט א פאטש, אבער איך האב אים גלייך איבערגעבעטן און געגעבן א שיינע נתינה און יענער האט מיר מוחל געווען. זאגט אים דער רבין: נישט דאס, ווייל ער האט דיר דאך מוחל געווען!

זאגט זעליג, איינמאל האלבע נאכט האט א איד אנגעקלאפט אין טיר וואס האט

אויסגעזען זייער געזונט און שטארק אז ער האט נישט וואס צו עסן און וויל א נדבה און איך האב אים געגעבן געלט אבער בשעת מעשה בין איך געווארן אין כעס פארוואס ער האט מיר אויפגעוועקט אינמיטן נאכט בפרט ער איז געזונט און שטארק און קען גרינג טרעפן וואס פארא ארבעט, און יענער איז אוועק א פארשעמטער! האט דער רבי געזאגט, דאס איז טאקע א גרויסע עוולה, ווייל ווען איינער קומט אינמיטן נאכט איז ער זיכער געווען א נצרך און דו האסט נישט געהאט א רעכט צו מאכן חשבונות און נאך צודערצו פארשעמען א איד!

דאס דארפסטו מתקן זיין און מקבל זיין אז ווער עס קומט דיר בעטן געלט זאלסטו אים געבן אן חשבונות און דער אויבערשטער וועט דיר העלפן, און זעליג האט מקבל געווען, רופט זיך אן דער רבין איך וועל דיר דערציילן א מעשה: אין די צייטן פון הייליגער בעש"ט זיע"א איז געווען א גרויסער גביר וואס האט געהאט תורה און גדולה, און א בעל צדקה אין א גרויסן פארנעם, און טאקע געגבן אסאך געלט פארן בעש"ט, אבער ער איז געווען א גרויסער בעל גאוה וועגן דעם, און נאכן געבן זיין נדבה פלעגט ער זיך פארן ארימאן זיך אויסרימען, ביז ער האט שוין גערעדט אז עס איז נישט מעגלאך צוליב זיין פארצווייגטע געשעפן און פארמעגן פון געלט, אז ער זאל חלילה ווערן א ארימאן, פארשטייט זיך אז די ארעמילייט און אידן האבן אים געגעבן גערעכט און דעריבער איז ער אזוי אנגעגאנגען מיט זיין פוסטע רעדן.

אין הימל איז אבער געווארן א שטארקע קיטרוג אויפן גביר, וואס לייקנט אין פסוק (שמואל א ב ז) ה' מוֹרִישׁ וּמַעֲשִׁיר, אלעם קומט פון אויבערשטן, וואס אין איין מינוט קען מען ווערן רייך און פארקערט... און עס איז געווען א פסק דין אז דער גביר מוז ווערן א יורד, דער הייליגער בעש"ט האט דאס געזען און געוואלט מבטל מאכן דעם גזירה, האט געשיקט זיין תלמיד, ר' דוד ממיקאלייב, צום גביר אים צו פירן אויפן ריכטיגער וועג! ר' דוד איז געקומען צום גביר וואס האט אים זייער מכבד געווען מיט א שיינע נתינה, און דער גביר הויבט אן זיין פוסטע רייד פאר ר' דוד, וואס האט אים אויפן ארט אפגעפאטשט, וואס מיינסטו אז אין איין מינוט קענסטו נישט ווערן א ארימאן און ווערן גאר נידעריג? פרעגט אים דער גביר ווי קען דאס זיין? האט אים ר' דוד געזאגט מארגן אינדערפרי וועסטו שוין האבן דיין ענטפער! דער גביר איז געווען אריינגעלייגט אין זיין איינרעדעניש, און לאכט זיך אוים און זאגט עס קען נישט זיין! און זיך געלייגט שלאפן רוהיגערהייט.

יענער נאכט חלומ'ט דער גביר אז דער קעניג איז געקומען צו אים אויף א באזוך, אזוי ווי ער האט שוין געמאכט גרויסע געשעפטן מיטן קעניג, אבער דאס איז געווען א גרויסער כבוד פאר אים און דער גביר האט געשטעלט א רייכע טיש מיט אלע גוטע מאכלים און דער קעניג האט געגעסן און נאכן עסן האט דער קעניג געבעטן א טיי און נאכן טרינקען דעם טיי איז דער קעניג אראפגעפאלן פון בענקל און געשטארבן, מען האט גלייך איינגעזעצט דעם גביר און געפסקנ'ט אז ער האט זיכער געלייגט סם אין די טיי און אין א חודש ארום גייט מען אים הענגען חלילה! עס האט אים גארנישט געהאלפן מיט זיינע טענות פארן שופט.

אזוי זיצנדיג אין תפיסה האט זיך אויסגעבראכן א גרויסע שריפה אין בנין אינמיטן די נאכט און פון רוב בהלה פון די סאלדאטן האט דער גביר געפונען א וועג און איז אנטלאפן פון תפיסה, ער איז געלאפן צו א דארף פון אידן און אנגעקלאפט אויף א טיר און געבעטן אויב ער קען זיך עפעס עסן און אביסל זיך אפרוהען, און אידן זענען רחמנים בני רחמנים, און האט אים אריינגעלאזט, נאכן פארלעשן דעם שריפה האט מען באמערקט אז דער גביר איז אנטלאפן, פארשטייט זיך אז מען האט געשטעלט צעטלאך פון קעניג אומעטום מיטן געשטאלט פון גביר אז ווער עס וועט זען דעם ארעסטאנט מוז זיך מעלדן צו די פאליציי און וועט באקומען א באלוינונג, און אויב נישט וועט מען יענעם שטארק שטראפן. דער איד איז געבליבן איבערנאכט, אבער ווען די פרוי פון שטוב איז ארוים אינדערפרי און געזען די צעטלאך פון קעניג האט זי פארשטאנען אז מען זוכט דעם רוצח פון קעניג און דער וואס וועט אים ברענגען וועט באקומען א פאר הונדערט גאלדענער רענדלאך, איז זי אהיים און דערציילט פאר איר מאן וועגן דעם רוצח וואס מען זוכט, האט ער געזאגט הלוואי זאלן מיר אים כאפן און באקומען די באלוינונג!

דער גביר האט דאס געהערט האט ער געמאכט פליטה, און געמוזט זיך אויסבאהאלטן אין די פעלדער, ווייל אין די שטעט וועט מען אים גלייך איינזעצן, נאך וואס זיין בילד הענגט אין אלע גאסן! די הונגער האט אים געכאפט און ער האט שוין געפילט אז ער גייט אוים, האט ער זיך איינגעשטעלט און אריין אין שטאט זוכן א איד זאל אים געבן עפעס עסן און ווייטער צוריקגיין אין די פעלדער, אבער ווי נאר ער איז אריין אין שטאט האט ער געזען ווי עס קומען צו גיין פון דערווייטנס סאלדאטן, האט ער שוין נישט געקענט גיין אין שטאט און פון רוב שרעק איז ער אריינגעשפרונגען אין די וואסער פון שטאט וואס איז געווען פון אלע שמוץ או שטארק געשמעקט, אבער ער האט אויף גארנישט געקוט, ער דארף זיך יעצט ראטעווען! דער ריח איז נישט געווען אויסצוהאלטן, און דער גביר טראכט שוין ווי קען דאס זיין אז אפאר טעג צוריק איז ער געווען דער גרויסער עושר מיט א שיינע הויז און דא ליגט ער אין שמוציגע וואסער און מען זוכט אים צו הענגען, און צו נעמען זיין פארמעגן!

דער גביר האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און גענומען ציטערן פון שרעק. אינדערפרי פרעגט אים ר' דוד, האסטו שוין געזען ווי אין איין נאכט קענסטו אלעם פארלירן? דער גביר האט געזען אז דאס האט מען אים געוויזן פון הימל, אז ער זאל שוין תשובה טאן, און דער גביר האט גלייך געענטפערט, דער חלום דארף נישט האבן קיין פשטים, ער פארשטייט שוין אז אלעם איז אין די הענט פון אויבערשטן, און מקבל געווען אז ער וועט געבן צדקה מיט ענווה, ווייל נאר דער אויבערשטער גיט עשירות. האט ר' דוד אים געזאגט אז וועגן דעם האט אים דער בעש"ט געשיקט און דערציילט וועגן די גזירה, און יעצט איז ער זיכער אז דער בעש"ט וועט מבטל מאכן די גזירה. און זיי זענען געפארן צום בעש"ט און געגעבן א גרויסע סכום געלט און דער בעש"ט האט אים געזאגט אז דעם חלום פון א גרוב איז געווען צו ווייזן אז בו"ר איז די ר"ת ב'שר ר'מה ו'תולעה, אז א מענטש איז גארנישט, און נאר אין די הענט פון אויבערשטן!

האט ר' דוד מטאלנא אויסגעפירט פאר זעליג, א מענטש טאר נישט מאכן חשבונות און רעדן זאכן וואס טויגן נישט און נישט מצער זיין ארימעלייט וואס קומען צו דיר אפילו עס זעהט דיר אוים אז יענער דארף נישט קיין געלט, זעליג האט מקבל געווען, און ר' דוד הא ט אים אנגעוואונטשן אז ער זאל ארויסגיין זכאי פון משפט, און דער אויבערשטער האט געהאלפן אז דער שופט האט איינגעזען אז די מסירה איז נאר געווען א בלבול און מען האט פארשיקט יענעם אפיצער און זעליג האט צוריק באקומען זיין ארבעט אין רעגירונג. זיע"א

*הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עם איז א שיינע מתנה*

ספר וואס האט באלאנגט פארן אפסי ארץ פון נאנאש $2000, ספר וואס האט באלאנגט פארן ווישיווא רבין $1500, ספר מיטן הקדשה פון חשק שלמה $1500 שו"ת חתן סופר דפוס ראשון זייער זעלטן $300, גארטל פון ר' יענקעלע מיט א אישור, סעט שדה חמד גדול דפוס נו"י $300 החסידות אהרן מרכום $100, סידור הבעש"ט $75, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, אות חיים ושלום מונקאטש עם הגהות הגאון ר' פינחס כ"ץ $800, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA

~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website

*WWW.SEFORIMWORLD.COM*